זיך אָן מיט אַן אויסטערליש געשעעניש. מען האָט אויף דעם בערלינער וואָקזאַל געבראַכט אַ קראַנקן רבין פון גאַליציע, מען טראָגט אים אַראָפּ אויף אַ טראָג-בעטל. און איינער אַ דייטשער ייד וויל אים אָפּפאָטאָגראַפירן. דער רבי גייט אַריין אין גרימצאָרן א. אַ. וו. און „סוף מעשה במחשבה תחילה" – פון דער-אָ פאַסירונג הויבט אָן פ. שניאורסאָן צו פירן אויף צוריק און בהדרגה דערציילט ער איבער, ווי ס'איז אָנגעוואָקסן ביים דייטש-יידישן יונגערמאַן זיין פאַראינטערעסירונג צו די פוילישע יידן, צו דער גרענאַדיר-שטראַסע מיט אירע אויסטערלישע פאַרשוינען...

דאָס איז די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך גאָר אַ גרויסע ראָד, אין וועלכער עס איז אַריינגעצויגן דאָס סטודענטישע לעבן – הן פון די רוסיש-יידישע און הן פון דייטש-יידישע און פון דייטשע סטודענטן. עס קומען קאַפּיטלען וועגן די מעדיצינישע אַרבעטן פון די סטודענטן אין די אַנאַטאָמישע אינסטיטוטן. אָט־די שילדערונגען זענען אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור. עס זענען אויך אַרויסגעפירט אינטערעסאַנטע טיפּן פון יידישע סטודענטן און דערביי – אויך טיפּן פון עכט-דייטשע און יידיש-דייטשע אַקאַדעמיקער מיט זייער לעבן אין די סטודענטישע פאַריינען. עס איז באַוויזן דאָס לעבן פון די האַלב-אַסימילירטע און גאַנץ-אַסימילירטע דייטשע יידן, די עלטערן און קינדער, און דער קאַמף, וואָס עס ווערט געפירט צווישן די ליבעראַלן און קאָנסערוואַטיוון יידנטום. מיר שפירן דאָ אויך אייניקע אָנזאָגן אויף דעם שפּעטערדיקן היטלעריזם. אין דעם הינטערגרונט זעען מיר די אינטערעסאַנטע געשטאַלט פון מאַרטין בובער און זיין קאָלאָסאַלע השפעה אויף דעם דייטש-יידישן לעבן. מיר טרעפן דאָ אויך דאָס גאָט-זוכעניש און דאָס לעכצעניש נאָך אַ פול און גאַנץ יידיש לעבן. די דייטשע יידן האָבן עס שוין נישט, די גרענאַדיר־שטראַסע פאַרמאָגט עס אין אַ פולער מאָס. דאָס אַלץ איז געגעבן דורך בילדער און דורך רייד, — די ביידע זאַכן, וואָס זענען דאָ אין יעדן פון די קאַפּיטלען.

„גרענאַדיר־שטראַסע" איז געשריבן וואַרעם, מיט אימפּעט, הגם ערטערווייז גאַנץ צעצויגן. אין בוך פעלט אויס כמעט דער לעבעדיקער דיאַלאָג, דער מחבר ווייזט נישט וואָס עס טוט זיך, נאָר דערציילט איבער „מיט זיינע ווערטער". אָפּטמאָל איז דער מחבר אַ מאריך בדרוש, אָבער עס איז שוין ביי אים אַ מאגיר אַזאַ.

*רחל אויערבאַך / וואַרשע*

# י. פּערלעס „יידן פון אַ גאַנץ יאָר"

IV

אַ קליינע פּאָלעמישע דיגרעסיע.

די אויבן-אויסגערעכנטע מעלות פון פּערלעס בוך, קאָנען ביי אַ געוויסן ניוואָ פון דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע אָנגיין פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. ווי מיר ווייסן אַלע, זענען אָבער די זאַכן אין אונזער פּראָזע ליידער ווייט נישט קיין טאָג-טעגלעכע און אַפילו נישט יאָר-יערלעכע דערשיינונג. זיי זענען אָפטמאָל נישט צו געפינען אַפילו ביי אונזערע „גרויסע" און „גרעסטע". און ס'קלינגט דעריבער זייער מאָדנע, ווען עס קומט ביי אונז אַ רעצענזענט, רעכנט זיי כמעט אַלע אויס און איז זיי... מבטל...

אין נומער 307 פון דער „פאָלקסצייטונג" האָט ח. ש. קאַזשדאַן אָפּגעדרוקט אַ רעצענזיע וועגן די „יידן פון אַ גאַנץ יאָר", פאַראַפראַזירנדיק דעם טיטל אויף אַ „בוך פון אַ גאַנץ יאָר."

„עס לייענט זיך (דאָס בוך) — שרייבט קאַזשדאַן — גאַנץ לייכט און געשמאַק... י. פּערלע האָט אַ גוטן און שוואַרץ-ערדיקן יידיש און איר טרעפט ביי אים ווערטער און אויסדרוקן, וואָס קומען פון דער טיפעניש פון דער מאַסע און וואָס זאָגן עדות, אַז י. פּערלע האָט אַ וואַך אויער פאַרן יידישן לעבן. דער מחבר האָט בלי שום ספק אַ רייפע ליטעראַרישע פאָרם און סטיל (צוויי באַזונדערע באַגריפן, וואָס קערן זיך גאָרנישט אָן צווישן זיך?! ר. א.), זיין אויג איז באָבאַכטונגספעיק און ער גיט אונז זייער פיל שיינע און אויסגעהאַלטענע בילדער — מיט דעטאַלן, מיט שאַרפע ווינקלען, מיט פאַרבן... אַמאָל רייסט זיך דורך אַ ליבער, אינטימער און לירישער טאָן..."

און ווייטער: „געוויס האָט י. פּערלעס בוך די מעלה, וואָס ס'איז אויפריכטיק און אָרנטלעך. ס'איז אויך פשוט און אָן פּרעטענזיעס... געוויס איז דאָס יינגל, וואָס אין זיין נאָמען ווערט דאָס גאַנצע ווערק דערציילט און געשילדערט, סימפּאַטיש און ער איז אַ נישט-געפעלשט קינד, וואָס וואַקסט פאַר אונזערע אויגן און זאַמלט לעבנסדערפאַרונגען און מענטשנקענטעניש... אָבער..."

און דאָ קומט דאָס אמתע צעטל „אָבערס", וואָס מאַכן צו אַש און שטויב דאָס גאַנצע בוך.

אַלע אויסגערעכנטע אייגנשאַפטן זיינע זענען, הייסט עס, פון די גאָר ביליקע זאַכן. דער עיקר איז דער שרייבער זאָל זאָגן עפּעס „נייס". ער זאָל זיין אַ קאָלומבוס און האַלטן אין איין אַנטדעקן אין שטעטל זאַכן, וואָס זענען אין אים קיינמאָל נישט געווען. איך שעם מיך נישט מודה צו זיין, אַז פאַר מיר האָט פּערלע אויפגעדעקט אַ סך נייס און אַפילו די „אַלטבאַקאַנטע טיפּן" פון קליינעם שטעטל — „דאָס יידישע שניידערל, וואָס האָט ליב אַ טרונק בראָנפן" און „דער מעקלער, דער ווינטמענטש, וואָס קויפט איין פּאָלוואַרקעס אָן אַ גראָשן געלט", זענען דאָ געזען אין אַ ניי ליכט און קודם כל אויף אַן אַ נ ד ע ר ן, נ ײ ע ם א ו פ ן געוויזן. מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פּערלעס בוך איז אַן אויסגעשפּראָכענער פאַמיליען- און אַנטוויקלונגס-ראָמאַן און ווי ווי צו אַזעלכן דאַרף מען צו אים צוגיין. אַפילו אין טאָמאַס מאַנס „בודענבראָקס" שפּיגלט זיך אָפּ די געזעלשאַפט און די היסטאָרישע תקופה נאָר אויף אַן א ו מ ד י ר ע ק ט ן אופן און אַזעלכע אומדירעקטע אָפּשפּיגלונגען פון דער געזעלשאַפט, פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און קאָנפליקטן פון שטעטל זענען אין פּערלעס בוך פאַראַן. לויט מיין באַשיידענער מיינונג, האָט פּערלע געגעבן אַ סך אַפילו אין זין פון סאָציאַלן אַנאַליז; געגעבן דיסקרעט, אויף אַן עכט-קינסטלערישן און נישט-געפעלשטן אופן. אין דער סילועטע פון דעם שטילן זיידענעם יונגענמאַנטשיק, וואָס מאַכט אַזוי זיידענערהייט דער יידישער דינסט אַ בויך, אין די יום-טובדיקע באַזוכן פון אָרעמען ברודער ביי דער רייכער שוועסטער אָדער אין קאָנטראַסט צווישן די צוויי מענדלס — דעם רייכן און אָרעמען — וואָס הייסן נאָך איין זיידן און זענען אַזוי אומענדלעך פאַרשידן — איז פאַראַן מער סאָציאַלע קריטיק, ווי אין גאַנצע בענדער טענדענציעזן קיטש.

וואָס עס איז אָבער אויף אַן אמת קאָמיש און שיעור נישט פּיקאַנט אין קאַזשדאַנס רעצענזיע, איז זיין הייליקער צאָרן און פּוריטאַנישער פּראָטעסט קעגן דעם צופיל „סעקס", וואָס פּערלע האָט אַנטפּלעקט אין יוגנטלעכן העלד פון דעם בוך און אין זיין סביבה. קאַזשדאַנס טענות קלינגען אין דעם פּרט פּונקט ווי דער מאמר, מיט וועלכן איינער אַ פּסיכאָלאָג, צי פּעדאַגאָג איז אַרויס קעגן פרוידן, דערציילנדיק, ווי ער איז איינמאָל נאָך דער לעקטור פון אַ פּסיכאָאַנאַליטישער אַרבעט וועגן עראָטישע לוסט-געפילן ביי זויג-קינדער, צוגעגאַנגען צום וויגל פון זיין עופהלע, אַריינגעקוקט אין די „אומשולדיקע" אייגעלעך און געזאָגט: אַך

די אָרעם פייגעלע מיינס, ווען דו ווייסט וואָס פאַר אַן אויסגעלאַסענעם בעל־עבירהניק מ׳וויל דאָס מאַכן פון דיר?!..״

האָט ער שין, הייסט עס, יאָ עפּעס „אַנטדעקט״ אין די מענטשן פון קליינעם שטעטל, פּערלע, וואָס אַנדערע פאַר אים האָבן נישט געזען, נאָר וואָס־זשע דען? ס׳איז: פע! אַ מיאוסע זאַך. דער רעצענזענט טרייבט זיין שעמעוודיקייט אַזוי ווייט, אַז ער בעט איבער! די לייענער פאַר די פאָר „אומאָנשטענדיקע״ שטעלן, וואָס ער האָט ציטירט פון בוך. „די שפּאַלטן פון דער „פאָלקסצייטונג״ האָבן גאָך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע שורות״...

ווי געפעלט אייך אַזויפיל פרומע פרודעריע אויף די שפּאַלטן כון דער סאָציאַליסטישער „פאָלקסצייטונג?״ איך בין געווען דערפון ממש „ערבויט״.

צום סוף — ווי דען אַנדערש — קומט אַן אַלוזיע צו די „דריי שטערנדלעך״, וואָס דאַרפן זיין דער בעסטער שליסל צו דעם „זנות״, וואָס פאַרפלייצט כּפלומרשט די זייטלעך פון פּערלעס בוך. די דאָזיקע אַגב זייער ביליקע פּאַענטע און פינאַל פון דער רעצענזיע איז גלייכצייטיק איר פּראָגראַמאַטישע דערקלערונג.

צי ווערט אָבער אַ בוך צוליב אַזאַ פּראָגראַמאַטישער אָפּשאַצונג פון זיין מחבר אַנדערש ווי עס איז?

ח. ש. קאַזשדאַנס רעצענזיע איז אַ קלאַסישער ביישפּיל דערפון, ווי אַזוי דאָס באַגאַטעליזירן פון דער פאָרם פירט נישט בלויז צום פאַרדאַרבן דעם געשמאַק, נאָר צו אַן אומפאַרשטיין די עלעמענטאַרסטע ליטעראַרישע דערשיינונגען.

## V

און נאָך איין אַספּעקט פון פּערלעס בוך.

אין דעם בוך איז פאַראַן אַ שפע יידישער שטייגער־לעבן. דאָס שילדערן דעם שטייגער, „דיועלביקע אייביקע יידישע יום־טובים און סדרים״, וואָס קאַזשדאַן דערמאָנט מיט איראָניע, ווערט אָבער אינערגעץ נישט אַ צוועק פאַר זיך גופא, ווי מיר טרעפן ביי אַנדערע יידישע ראָמאַן־שרייבער. ביי פּערלען קומט עס אויס פּשוט, נאַטירלעך, נישט פאָרגעשטעלט מיט יענעם כאַראַקטעריסטישן שיקלען מיט איין אויגל צום פרעמדן לייענער. וואָס דאַרף ווערן נעפּלעפּט פון אַזויפיל „יידישער אייגנאַרט״.

אין די „יידן פון אַ גאַנץ יאָר״ טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זענען אַזוי הונדערטפּראָצענטיק און פולבלוטיק, קודם כל אָבער — זעלבסטפאַרשטענדלעך — יידיש, איז פאַראַן די פולשטענדיקע עמאַנציפּאַציע פון דעם „פינטעלע־ייד״־קאָמפּלעקס.

עס איז לעבן בכלל — אין יידישע קאַטעגאָריעס.

און אויך דאָס איז אַ דערגרייכונג.

## VI

אין קאָנסטרוקציע וועבט זיך פּערלעס בוך אויס מיט איין הויפּט־טעמע און אַ גאַנצער ריי נעבן־טעמעס. די הויפּט־טעמע איז דאָס שטוב־לעבן פון דעם 12־יאָריקן דערציילער מענדל און פון זיינע עלטערן. די נעבן־טעמעס זענען די פאַרשידענע געשעענישן, וואָס קומען אויף אין דער סביבה, אין דער נאָענטערער און ווייטערער משפּחה; זיי טוען זיך אַ פלעכט אַריין אין גאַנג פון דער טאָגטעגלעכקייט, ווירקן זיך אויס אויף אַ פאַרשידענעם אופן אין די איבערלעבונגען פון די שטוב־מענטשן און ציען אָפּ אין רעגיסטער פון געוועזענע זאַכן.

נישטאָ אַזוי אַרום אין פּערלעס ראָמאַן קיין איין צענטראַלע אינטריגע, אַרום וועלכער עס זאָל זיך קאָנצענטריש גרופּירן דער אויף־ און אָפּ־שטייג פון דער אַקציע. אין הסכּם מיט זיין כאַראַקטער פון אַן אַנטוויקלונגס־ראָמאַן, איז ער געבויט עטוואָס כראָניק־אַרטיק.

אויב מען זאָל וועלן פאָרשטעלן גראַפיש די סטרוקטור פון פּערלעס בוך, וואָלט מען דאָס געקאָנט אָמבעסטן מאַכן אין דער פאָרם פון אַן אָרנאַמענט מיט אַ רעגולערן, איינפאַכן און געדיכטן ליניע־געפלעכט ביי די ראַנדן און מיט אַ מיטלסטער שורה צווישן זיך נישט פאַרבונדענע און אין זיך געשלאָסענע ספּיראַלן. יענער פּשוטער און דורכזיכטיקער אָרנאַמענט, וואָס מען זעט אָפטמאָל אויף אייזערנע אַזשור־באַלוסטראַדן.

דאָס גלייכמעסיקע ליניען־געפלעכט איז מענדלס שטוב־לעבן, די באַזונדערע ספּיראַלן דאָס זענען די באַזונדערע געשעענישן און באַזונדערע גורלות, וואָס בליצן אויף, טוען אַ רייס־מיט, אַ דערוועק אַ ברענענדיקן אינטערעס און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעוויקלט, קערט מען זיך אום און מען הייבט זיך צוריק אָן צו אינטערעסירן מיט דעם שטענדיקן גאַנג פון דער שטוב.

## VII

אונטנאַרומעט גייט דער טיפער „שטילער טייך״ פון שטענדיקן, טאָגטעגלעכן לעבן „פון אַ גאַנץ יאָר״, דאָס שטוב־לעבן פון לייזער היי־הענדלער מיט זיין ווייב און זייער בן־זקונימל מענדל.

אַ שילדערונג פון דער פאַרפריטער פובערטעט פון באַצייטנס אויפגעוועקטן יידישן בחורל. די שילדערונג פון די וווּנדערבאַר קאָנטראַסטירטע כאַראַקטערן פון זיינע עלטערן.

צוויי כאַראַקטערן — צוויי שיטות; צווייערליי גזע, צווייערליי לעבנס־נוסח. אויף איין שמאָלן שטח פון אַן אָרעמער שטוב שטויסן זיך צונויף צוויי נאַיווע, שווערע מענטשן, וואָס זענען און בלייבן זיך פרעמד אין זייער וועזן, פאַרשטייען נישט איינס דאָס אַנדערע און פאַרשטייען נישט אפילו זיך אַליין. בלויז זיי זענען ווי זיי זענען אין פרייען שפּיל פון זייער פאַרשידנקייט און בלויז זיי ליידן, וואָס עס קומט אויס צו ליידן פון זייער אַנדערשקייט.

יעדעס פון זיי היט אָפּ אייפערזיכטיק און עקשנותדיק זיין באַזונדערן שורש, זיין באַזונדערן אייגנס. דער טאַטע מיט זיין פירעכץ, זיין משפּחה, זיינע קינדער פון דעם ערשטן ווייב, און די מאַמע מיט איר נאַטור, איר משפּחה, אירע קינדער פון דעם ערשטן מאַן. דאָס איינציקע שותּפותדיקע קינד קאָן אָט דעם ווידעראַנאַנד נישט אויסגלייכן און אין זיין נשמה פירט זיך ווייטער דער קאַמף. אַ געראַנגל צווישן דער ליבשאַפט צו דער מאַמען און דעם געפיל פאַר אירע חינן — מיט דעם טיפערן רעספּעקט און גרעסערער התקרבות צום פאָטער.

אין דעם דאָזיקן טאַטע־מאַמע־געראַנגל האָט פּערלע אויפגעכאַפּט און אַוועקגעשטעלט אויף אַן אָריגינעלן אופן אַן אינטערעסאַנט כאַראַקטעראָלאָגיש פּראָבלעם. דאָס איז נישט דאָס פּראָבלעם פון צווייערליי פּסיכישע ירושות אין איין מענטש. ס׳איז דער ברייטערער פּראָבלעם פון צווייערליי שיטות אין לעבן, צוויי פּסיכאָלאָגיש און עטיש פאַרשידענע לעבנספּרינציפּן.

דער טאַטע איז אַ מענטש אַ שווערער, אַן ערדישער, אַן גרויסע השגות, אַן איבעריקע אילוזיעס — אַ „רעאַל־פּאָליטיקער״. די מוטער איז דאָס לייכטע, פלאַטע — דאָס ראָמאַנטישע — עלעמענט. מיט באַגער צו שיינקייט, מיט בענקשאַפט צו גלאַנץ: צו יעדער צייט קאָן זי מאָביליזירן אַ „נגידיש גוידערל״ מיט אַ ווייס־זיידענעם זשאַבאָט און חלומט אַ לעבן לאַנג איר פּאַרוועניטישן חלום וועגן „מעשענע קלאַמקעס ביי די טירן״.

ער, דער פאָטער, באַמערקט אָבער גאָרנישט פון אָט די באַגערן און פאַרלאַנגען, ער זעט נישט און הערט נישט. ער איז אַ טויבער סיי אין דירעקטן, סיי אין אומדירעקטן זין.

און אפשר באַמערקט ער יאָ, נאָר ער ווייסט זיך זיינס. שווער, געדולדיק שלעפּט ער זיין עול, טוט, וואָס אַ מענטש דאַרף טון, און די קאָנצעסיעס, וואָס ער איז אַמאָל געצוווּנגען צו מאַכן דעם צווייטן צד, רירן נישט אָן זיין אייגענעם שטייגער אויף קיין האָר. אַזוי ווי ער טראָגט איבער אַ לעבן לאַנג זיין אייטערדיקע ווונד אויפן פוס און פאָרעט זיך אַרום איר אַ יעדן פאַרטאָג מיט די גרינע ציבעלע־בלעטער, וואָס האָדעווען זיך אייגנס צו דעם צוועק אין אַ טעפּל אויפן פענצטער — פונקט אַזוי טראָגט ער איבער אַלצדינג. מיט יענער העראָישער רעזיגנאַציע, מיט וועלכער שטאַרקע מענטשן טאָפּטשען אָפּ אָפּ אַ לעבן לאַנג אין יאָך פון גראַקייט, ווי די אָקסן.

דאָס איז דער העראָיזם און גלייכצייטיק די פּאָעזיע פון דער עקזיסטענץ אַן און פאַר זיך גופא.

דעם פאָטערס פאָרען זיך אַרום דעם קראַנקן פוס, ווערט ביי פּערלען אַ לייטמאָטיוו אַזאַ, וואָס חזרט זיך איבער אַ סך מאָל ווי אַן אויסגאַנג און אַריינגאַנג צו קאַפּיטלען. די ציבעלע־בלעטער אויפן פענצטער ווערן ביי אים די גרינע דעקאָראַציע־קווייטן צו דעם גראָען לעבן.

בשעת די עקסטראַ־פלוצימדיקע איבעראַשונגען און נסיונות, וואָס דאָס לעבן טראָגט אים אונטער, פאַרלירט דער טאַטע קיינמאָל נישט זיין שווערע רו. בלויז נאָך אַביסל טויבער, שווערער,

ידעריקער ווערט ער „עפּעס ווי קלענער“ — אַז עס פּאַלט אַראָפּ אויף אים עפּעס אַן אומגליק.

אָבער דער מאַמעס פּעריפּעטיעס זענען היציקע. זי קאָן זיך אפילו אויפהויבן אין איינעם אַ שיינעם טאָג, איבערלאָזן מאַן און קינד אויף הפקר און אַוועקפאָרן אָן אַ „זיי געזונט“ קיין וואַרשע: צו איר רייכער שוועסטער, צו איר שיינער טאָכטער פון דעם ערשטן מאַן. זי, אַז ס׳ טרעפט אַן אומגליק — בייט זי איבער די דירה.

די דאָזיקע איבערוואַנדערונגען, לויט דער מאַמעס איניציאַטיוו, פון איין דירה אין אַ צווייטער, ווערן די אַנטוויקלונגס-עטאַפּן און די גרענעץ-סלופּעס צווישן אַריינדרינגען פון איין אינטריגע און אַ צווייטער אין דעם גאַנג פון דער דערציילונג.

און אָט זענען אַ פּאָר פון די אינטריגעס.

קודם כל נאָכאַנאַנד די גורלות פון דעם טאַטנס טעכטער פון דעם ערשטן ווייב. קאַפּיטל איטע, קאַפּיטלביילע, קאַפּיטל טויבע. ווייטער קומט אַ סעריע פון מענדלס ערשטע עראָטישע דערפאַרונגען, פון זיינע פאַרפירערינס, זיינע חברים. די געשיכטע פון זיין דעמאָנישן פריינט יאַנקל דעם באַלעגאָלעס, און די געשיכטע: פון דעם פעטער מרדכי-מענדל, וועמען קאַזשדאַן האָט אַזוי שלעכט קלאַסיפיצירט, ווי דעם פשוטן יידישן מעקלער-טיפּ. דער דאָזיקער פעטער וואַקסט אויס ביי פּערלען צו אַ דורכויס טראַגישער געשטאַלט פון דער מעכטיקער ראַסע אמתע אויפטוער, וואָס אין אַנדערע באַדינגונגען בויען זיי אויס נייע לענדער, שטעלן אויף נייע אינדוסטריען און אויף דער שמאָלער פּלאַטפאָרם פון דער יידישער סביבה גייען זיי אונטער ווי געוויינלעכע שווינדלער.

אפילו צום סאַמע סוף פון בוך קומט נאָך אויף אַ נייע באַזונדערע מעשה מיט דער „פריילעכער אלמנה“, חנטשע און מיט איר טעכטערל רחטשע, וואָס אַרבעט אָפּ אין שטעטל די ערשטע מאָדערנע סענסאַציע.

גלייכצייטיק מיט דער מעשה ליקווידירט זיך אָפּ אויך איינע פון מענדלס פריינטשאַפטן און אַז די מעשה שפּילט זיך אויס — אין איינעם אַ שיינעם טאָג, הויבט אונזער מענדל אָן לערנען די דינים פון תּפילין-לייגן. ער האַלט ביי אַלט ווערן דרייצן יאָר, זיינע קינדער-יאָרן זענען געענדיקט און פאַרענדיקט איז אויך דער ע״שטער טייל פון פּערלעס גרויסן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן.

VIII

אין פּערלעס בוך זענען פאַראַן אָן אַ שיעור פיינקייטן, סובטעלע ניואַנסן, פּאַענטעס — איראָנישע, הומאָרימטישע, לירישע. פּערלע פאַרמאָגט אויך אַ גרויסן כוח הדבור — די זעלטענע, אפילו ביי די בעסטע בעלעטריסטן נישט תּמיד פאַראַנענע גאָב אַריינצולייגן די כאַראַקטעריסטיק פון זיינע פּערסאָנאַזשן אין זייער לשון, וואָס איז ביי אים שטאַרק ניואַנסירט און שטאַרק דיפערענצירט. עכט.

און אָט דער ניואַנס, דער פּרט, א״ז דאָס לעצטע קריטעריום פון דעם שרייבערס קראַפט.

אַזוי עכט קאָן מען זיין נאָר ווען מען גיט דעם אמת.

אַזאַ גוט און עכט בוך, ווי די „יידן פון אַ גאַנץ יאָר“ קאָן מען אָנשרייבן נאָר מיט אמת.

און דעמאָלט איז שוין אַלץ דאָ, ווייל עס רעדט אַרויס פון בוך, דירעקט און אוממיטלבאַר — די אוניווערסאַלע סטיכיע פון לעבן.

(סוף)

# ל י ד ע ר

*ברוך אָליצקי / איגנאַלינע*

## צום טרעגער

מיין בליק לויפט נאָך די ווייזערס פונם זייגער,
מיין אויער צאַפּלט אויפן דופק פון דער צייט,
און כאָטש עס האָט פאַריאָגט מיר ווייט,
אַזוי-אָ ווייט
די רוישנדיקע וואַרשע, –
בין איך פאָרט דיין העלער שאָטן, טרעגער,
טראָג איך פאָרט אין בלוטן עכאָס לויטערע פון דיינע מאַרשן,
און אין יעדן אָרט,
בין איך דיין ליכטיקער אַקאָרד!..
עס ברענען דאָ די גאַניקעס מיט שיינע, רויטע האָפּן-בלעטער,
עס קעמט די צעפּ די זילבערנע פון אָזיערעס דער ווינט,
עס שמעקט מיין טישעלע מיט שפּראָטן, מיט זשאָכלינעס
און מיט טאָרט,
נאָר איך, – דורך הונדערטער, דורך וויפל קילאָמעטער,
זאַפּ-איין דיין וויי-און-ווינד,
דיין טונקעלן גרויל,
און אויסגעמישט מיט טרערן פון אַ נישט דערזאָגטן וואָרט,
צוקט דיין הונגער ביי די ווינקלען פון מיין מויל,
און אין מיין גרויער באָרד...
ניט-שוין-זשע איבער ליטעס שלווהדיקע זאַמדן גיי איך?
ניט-שוין-זשע פלאַמען יאָדלע-וועלדעלעך, ווי גרינע פּיראַמידן?–
ס׳איז אַ וויזיע בלויז! עס גייט דאָך פון מיין לייב-און-לעבן
אויף דיין ריח,
און די פּלייצעס מיינע, – מידע, מאַדע...

ט

עס טרעפט דאָס בירנע פויערל הויבט אויכעט דאָ-אָ אָן צו קלאָגן,
נאָר ס׳ווייסט נישט וואָס צו זאָגן,
ס׳איז דאָס ליטוויש פויערל נאָך גאָר אַ תּם, אַ גולם,
בנאמנות!
ס׳זעט דעם אַעראָפּלאַן, – אַ פליענדיקער צלם.
און דו,–וואָס איז שטח, וואָס איז ווייט,
וואָס באַדייטן
הונדערטער און וויפל קילאָמעטער, –
ווען דיין שווייגן שרייט:
„איך וויל נישט מערער!
איך וויל שוין נישט דעם יאָך!
איך קאָן אים שוין נישט טראָגן!–“
דאַן ווער איך לויטער העכער,
לויטער קנעטער,
און קנעט פון שוואַרצער וואָך
פאַר דיר,
פאַר מיר
דעם ליכטיקסטן פון די פאַרטאָגן!..

*מאַטעס אָליצקי / וואַרשע*

## שטאָט-מאָטיוו

### לבנה

אין שטאָט איז אויך לבנה דאָ. –
זי ליגט אויף דעכער, ווי אַן אָפּגעבראָכן שטיקל קעז,
און ס׳טשירען קעץ אויף איר מיט געלקייט פון די ציין.
און ויינען.